בעזהשי"ת

ספֵר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִיש

פָּרָשַׁת תְּרוּמָה

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

## געדענק, נאר תפילה און סבלנות

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת משפטים, כ״א שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

דו האסט מיר זייער מחי׳ געווען מיט די גוטע בשורה אז דיין ווייב תחי׳ שפירט זיך שוין אסאך בעסער - געלויבט דעם אייבערשטן.

דאס אלעס וואס זי שפירט זיך שוין רואיגער קומט צוליב דיינע און אירע תפילות, און אדאנק איר ווײנען טאג נאך טאג.

איך האב אויך מתפלל געווען פאר איר זי זאל האבן א רפואה שלימה, זי זאל ארויסגיין פון איר עצבות און מרה שחורה. זי זאל צוריק קומען צו אירע כחות, צו קענען זיין א מאמע און ווייב.

געדענק! נאר תפילה און סבלנות!!

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

## דורך לויפן דאווענען און לערנען לויפט מען צו די פרנסה.

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת משפטים, כ״א שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך בעט דיר זייער זאלסט זיך קובע זיין א שיעור אין גמרא; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט זאלסטו זאגן די ווערטער פון די גמרא.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ו, ב): ״אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה״, נאר דער וואס לערנט תורה איז א פרייער מענטש און ער איז זוכה רייך צו ווערן.

גיי אין בית המדרש דאווענען שחרית וועסטו זוכה צו האבן פרנסה; פון לויפן מאכן געלט וועסטו גארנישט האבן. דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו האט אמאל געזען ווי איינער לויפט, האט ער אים אפגעשטעלט און געפרעגט: ״זאג מיר, וואו לויפסטו?״ האט דער איד געענטפערט: ״צו מיין ארבעט, כדי צו מאכן געלט״, פרעגט אים דער הייליגער קדושת לוי: ״ווער זאגט אז דו לויפסט צו דיין פרנסה, אפשר
~~~~~~~~~~~

אנטלויפסטו גאר פון דיין פרנסה?" דאס זעלבע זאג איך דיר: "לויף ענדערש אין שול, דורכדעם וועסטו האבן פרנסה".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**איך וויל דיר נאר ראטעווען.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת משפטים, כ"א שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך האף אז דו ביסט נישט ברוגז אויף מיר פאר'ן רעדן מיט דיר וכו', איך האב דא נישט קיין שום אינטערעסע נאר דיר צו ראטעווען פון בזיונות וכו'.

איך בעט דיר נאכאמאל, איך זע אז דו ביסט אנגעוויטאגט אויף מיר, וואס קען איך טון אז דו זאלסט נישט זיין פארוויטאגט?

וויפיל צייט האב איך מיט דיר געשמועסט? איך האב דיר אנגעגרייט פאר דיין חתונה און נאך די חתונה - אלעס נאר אז "דו זאלסט האבן א חיים טובים".

ליבער ... נרו יאיר, איך ווארט צו הערן פון דיר.

איך בין דא צו העלפן אידישע קינדער זאלן האבן א גוט לעבן.

...

~~~~~~~~~~~

**צניעות ברענגט גוטע קינדער.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת משפטים, כ"ב שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

בנוגע דאס וואס דו ווילסט אז דיין ווייב זאל זיך אנטון א טיכל, דו שרייבסט מיר אז איך אנהייב האט זי אויך געוואלט נאר יעצט שעמט זי זיך פון א שכינה, ווילסטו אן עצה וואס דו זאלסט טון.

פון איין זייט איז זייער חשוב צו גיין אפגעבינדן מיט א טיכל אן א שייטל, מען זעט אין די גמרא די מעשה וואס די הייליגע חכמים דערציילן (יומא מז.): "שִׁבְעָה בָּנִים הָיוּ לָהּ לְקִמְחִית", עס איז געווען א פרוי וואס האט געהייסן קמחית און זי האט געהאט זיבן קינדער, "וְכֻלָּן שִׁמְּשׁוּ בִּכְהוּנָּה גְּדוֹלָה", און אלע זענען געווען כהנים גדולים. "אָמְרוּ לָהּ חֲכָמִים: מַה עָשִׂיתְ שֶׁזָּכִיתְ לְכָךְ?" האבן די חכמים איר געפרעגט: וואס האסטו געטון אז דו האסט זוכה געווען צו דעם? "אָמְרָה לָהֶם: מִיָּמַי לֹא רָאוּ קוֹרוֹת בֵּיתִי קְלָעֵי שַׂעֲרִי", האט זי געזאגט פאר די חכמים: איך האב אייביג אכטונג געגעבן אז די ווענט און די דאך פון מיין הויז זאלן נישט זען מיין האר; זעט מען פון דעם אז ווען מען פירט זיך מיט צניעות האט מען נאכדעם נחת פון די קינדער, אבער מען קען דאס נישט ארויפצווינגען אויף די ווייב, דאס דארף קומען מיט אסאך ישוב הדעת און אסאך סבלנות.

דערפאר בעט איך דיר טייערער ... נרו יאיר, זיי מכבד דיין ווייב און באצווינג איר נישט וכו'; דאנק דעם אייבערשטן אז דו האסט א ערליכע ווייב, א איידעלע ווייב וואס וויל טון דיין ווילן וכו', אבער פון די אנדערע זייט איז איר שווער פון איר משפחה און שכנים וכו' און זי ווערט צעריסן צווישן דיר און זיי. אויב זי איז מסכים זיך צו טוישן וכו' איז זיכער אז א טיכל איז מער צניעות'דיג, און אין דעם זכות וועט איר זוכה זיין צו די ברכה וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות'דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער.

דער עיקר זאלסטו זען צו לעבן בשלום; אויב דו וועסט לעבן בשלום מיט איר, דו וועסט איר מכבד זיין, ליבן און געבן כסדר ליב ווערטער, וועסטו זוכה זיין אז דער אייבערשטער וועט רוען ביי דיר אין שטוב און דו וועסט זוכה זיין צו אלע ברכות און צו אלעס גוטס.

...

~~~~~~~~~~~~

**נערוון ביים מאכן התבודדות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת משפטים, כ"ג שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו האסט מיר ממש מחי' געווען מיט דעם וואס דו שרייבסט מיר אז דו האסט היינט מסיים געווען די פינפטע מאל ששה סדרי משנה; חכמינו זכרונם לברכה זאגן
~~~~~~~~~~~~

(סנהדרין מב.): "בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה", ביי וועם געפונט זיך די תורה קלאר? "בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה", ביי דעם וואס לערנט משניות.

בנוגע דאס וואס דו האסט נערוון ביים מאכן התבודדות, דו ווייסט נישט צי דו ביסט יוצא וכו' און צי דו האסט גענוג געבעטן וכו'; דער עיקר זאלסטו בעטן אויף שמחה וועסטו שוין במילא אלעס האבן. בעט דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל זיין פרייליך און איך זאל זיך נישט מבלבל זיין פון קיין שום זאך אויף די וועלט. העלף מיר איך זאל האבן א קלארע אמונה און שטענדיג געדענקען אז דו ביסט מיט מיר. נעם אוועק פון מיר דעם יצר הרע וואס הייסט 'נערוון', ער לאזט מיר נישט אפ. יעדע זאך וואס איך טו ברענגט ער מיר אריין נערוון; ווען איך רעדט צו דיר האב איך נאכדעם יסורים פון דעם נאריש'ן יצר הרע, ער הייבט מיר אן זאגן: 'האסט נישט גענוג געבעטן, האסט נישט גענוג אויסגעשמועסט וכו' וכו''; הייליגער באשעפער מאך מיר פרייליך"**; אזוי זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג וועט אוועק גיין פון דיר די קליפה וואס רופט זיך: "נערוון", וואס פון דעם קומען אלע פראבלעמען.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**זוך א שידוך פאר דיין טאכטער.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת משפטים, כ"ד שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

אייער טאכטער איז היינט געווען ביי מיר, זי האט זייער שטארק געוויינט אז זי וויל שוין חתונה האבן; בעט איך אייך זייער איר זאלט אריין קוקן אין דעם און זוכן פאר איר א ערליכער בחור מיט גוטע מידות.

הגם מיר האבן גערעדט וכו' האבן מיר געטראכט אז מען זאל נאךווארטן, אבער ווי עס זעט מיר אויס איז זי שוין גרייט צו ווערן א כלה. זי איז ערוואקסן און פארשטענדליך; זי וויל, זי קען שוין און דארף שוין אנהייבן איר לעבן.

שטארקט אייך, דער אייבערשטער וועט אייך נישט פארלאזן.

וואס איר דארפט זאלט איר בעטן פונעם אייבערשטן.

א גרויסן דאנק פאר'ן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אז בזכות די צדקה זאלט איר מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.
~~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**אז מען באהאלט זיךביים אייבערשטן און אין די תורה איז מען באשיצט פון אלעס שלעכט'ס.**

בעזרת ה' יתברך - ד' פרשת משפטים, כ"ד שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אפילו איך האב דיר שוין געשריבן אזויפיל בריוון וועגן דאס גרויסקייט פון לערנען יעדן טאג גמרא, שרייב איך דיר יעצט נאכאמאל אז איך האף אז דו לערנסט נאך יעדן טאג דעם דף גמרא.

גמרא איז א פלאץ וואו מען קען זיך באהאלטן ווען עס גייט איבער א צרה; אפילו דו ביסט פארנומען און דו האסט אסאך זאכן צו ערלעדיגן, דאך זאל די דף גמרא זיין ביי דיר א זאך וואס דו ביסט אויף דעם נישט מוותר, ווייל אינעם בלאט גמרא איז די בעסטע פלאץ וואו מען קען זיך באהאלטן בעת צרה. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שמות רבה כז, ג): "מָשָׁל לְצִפּוֹר שֶׁבָּרַח מִן הַצַּיָּד וְנָפְלָה לְתוֹךְ יָדוֹ שֶׁל אַנְדְּרוּאַנְטְיָא, כֵּיוָן שֶׁרָאָה אוֹתוֹ הַצַּיָּד הִתְחִיל מְקַלְּסָהּ וְאָמַר לָהּ כַּמָּה נָאָה בְּרִיחָה שֶׁבָּרַחְתְּ", עס איז געווען א פייגל וואס מען האט איר געזוכט צו כאפן האט זי זיך באהאלטן אינעם פאלאץ פונעם קעניג, זייענדיג זיכער אז דארט וועט קיינער נישט קומען שיסן אויף איר; דאס זעלבע איז ווען א מענטש האט צרות איז די בעסטע פלאץ וואו ער קען זיך לויפן באהאלטן - איז ביים אייבערשטן, דעמאלט טשעפעט אים קיינער נישט.

בעט איך דיר טייערער ..., כאפ זיך ארויף אויפן באן פון לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט - זאג די ווערטער; מאך נישט חוזק פון "זאגן די ווערטער" ווייל דאס איז גאר קיין חוזק נישט; נישט וואס הייסט חוזק דא אויף דער וועלט איז חוזק אויבן אויף יענע וועלט, און נישט וואס הייסט דא ארויפגעקוקט איז חשוב אין הימל; מיר ווייסן נאר וואס צדיקים זאגן אונז, דאס איז חשוב.

דעריבער בעט איך דיר טייערער ליבער ברודער, הייב אן פון יעצט; נעם א גמרא און הייב אן חולין דף סד - דעם היינטיגן בלאט. דו וועסט זיך שפירן א נייע מענטש, אויך וועט דיין ווייב הנאה האבן דיר צו זען לערנען.

זיי געזונט.

...
~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**שטיין ווייט פונעם געוועזענעם מאן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת משפטים, כ״ד שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

עס איז נישט כדאי צו גיין צו די חתונה; בכלל זאלט איר נישט רעדן מיט אים נאר וואס איז נוגע פאר די קינדער. דער אייבערשטער זאל אייך העלפן איר זאלט טרעפן בקרוב א ערליכער מאן וועט איר מיט אים רעדן און פארברענגען.

דאס איז נישט קיין סתירה צו וואס איך האב אייך געשריבן (ד׳ שופטים תשע״ח) [זע די בריוו צום סוף פון דעם בריוו] אז איר זאלט זיך נישט קריגן מיט אים פאר די טובה פון די קינדער; נישט קריגן מיינט צו זאגן לעבן צוזאמען, דאס מיינט אבער נישט אז איר זאלט גיין צו זיין חתונה.

נעמט אים ארויס פון אייער קאפ און דאס וועט זיין דער שלום, אזוי ווי דער בעל הטורים זאגט אויפן פסוק (בראשית יג, יא): ״וַיִּפָּרְד׳וּ אִי׳שׁ מֵעַ׳ל אָחִ׳יו״, אז די סופי תיבות איז דאס ווארט ׳שלום׳; אברהם אבינו האט זיך אפגעטיילט פון לוט כדאי ער זאל זיין מיט אים בשלום. אמאל דארף מען זיך אפטיילן עס זאל זיין שלום, בפרט אז ער האט יעצט חתונה מיט א צווייטע פרוי זאלט איר מיט אים נישט האבן קיין שום מגע ומשא, נאר דאס ביסל וואס מען דארף פאר די קינדער.

דאס וואס ער זאגט אז ער העלפט מענטשן; וואס קען מען טון אז יעדער וואס דארף הילף ווערט א טערעפיסט. נעבעך פאר אידישע קינדער אז די מנהיגים זענען פסיכאלאגן.

דאס וואס ער זאגט אז ער האט נישט קיין הונט וכו׳ און ער לייגט צו: ״הלואי וואלט איך געהאט וכו׳״, זאלט איר אליינס פארשטיין אז ער זאגט אייך ליגנט.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט טרעפן שנעל אייער באשערטע בן זוג און מיר קענען בקרוב מבשר זיין די גוטע בשורה.

...

~~~~~~~~~~~

[די בריוו אויף וועלבע די אויבנדערמאנטע בריוו באציט זיך:

**זאל איך לאזן מיינע קינדער גיין צו מיין געוועזענער מאן?**

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א

צום ערשט דארף איך זיך באדאנקען פאר אייערע געוואלדיגע שיעורים, כאטש וואס די שיעורים ווערן געגעבן פאר מענער, האב איך אבער אויך פון דעם פיל חיזוק, דער אייבערשטער זאל אייך געבן ווייטער די כוחות אנצוגיין מיט אייער הייליגע ארבעט.

איך גיי יעצט אריבער שווערע צייטן אין לעבן, איך בין א גרושה מיט עטליכע ליבליכע קינדערלעך קע"ה, זייער טאטע, מיין געוועזענער מאן, פלעגט מיר שלעפן צו נישט גוטע פלעצער, און יעצט זענען מיר שוין גע'גט.

מיין שאלה איז וועגן די קינדער, ביים גט האט מען אפגעמאכט צייטן ווען די קינדער וועלן גיין צו אים, ער זאגט אז ער רעדט צו די קינדער און איז זיי מחנך אויפ'ן געהעריגן וועג אזוי ווי ער איז מחונך געווארן, למעשה איז מיר דאס אבער זייער שווער, קודם איז דאס פשוט שווער פאר מיר יעדעס מאל דאס אויסשטעלן ווי אזוי די קינדער זאלן גיין און קומען, למעשה באקומען זיי נישט צופיל יראת שמים פון זיין ביי אים, אבער למעשה באקומען זיי ליבשאפט פון זייער טאטע וואס דאס איז יא גוט פאר זיי.

איז מיין שאלה אויב איך זאל ווייטער אנהאלטן דאס שיקן די קינדער צו אים אזוי ווי מ'האט אפגעשמועסט, אדער זאל איך אפהיטן די קינדער און זיי האלטן נאר ביי מיר?

איך בין זייער צומישט און איך ווייס נישט וואס איז ריכטיג צו טון, איך האף אז איר וועט מיר קענען קלאר שטעלן וואס צו טון.

א גרויסן יישר כח.

## תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת שופטים, ד׳ אלול, שנת תשע״ח לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

אויב איר ווילט זוכה זיין צו ערליכע און געזונטע קינדער דארפט איר אכטונג געבן זיך נישט צו קריגן מיט דער טאטע פון אייערע קינדער (אייער געוועזענער מאן).

קינדער דארפן האבן זייער טאטע פונקט ווי זיי דארפן זייער מאמע; אויב מען האלט אפ קינדער פון גיין צו זייער טאטע אדער מאמע וועלן די קינדער אויפוואקסן פעלערדיג. אזוי אויך טארן די קינדער נישט הערן ווי מען רעדט איינער אויפן צווייטן, ווען קינדער זעען ווי די עלטערן קריגן זיך ווערן זיי זייער דערשראקן און פארמאכט, דאס ברענגט זיי זאלן אויפוואקסן נישט זיכערע קינדער לא עלינו.

איר זאלט ווייטער שיקן אייערע קינדער צו זייער טאטע אזוי ווי מען האט אפגעמאכט ביים גט, אזוי וועלן זיי אויפוואקסן געזונט.

איר זאלט קיינמאל נישט אוועק מאכן ווען זיי דערציילן פון זייער טאטע; אויב איר הערט צוריק פון אייערע קינדער זאכן וואס דער טאטע טוט מיט זיי/רעדט מיט זיי/פירט זיך מיט זיי וכו׳ וואס איר האלט אנדערש, זאלט איר זיין זייער פארזיכטיג ווי אזוי איר זאגט זיי אייער מיינונג, כדי איר זאלט נישט מאכן דעם רושם ווי איר רייסט אונטער זייער טאטע. די בעסטע זאך וואלט געווען איר זאלט רעדן מיט אים (ווי אזוי עס איז אייך באקוועם - דירעקט מיט אים אדער דורך א פארמיטלער) און זיך דורך קומען מיט אים, אבער נישט אריין נעמען די קינדער אין ויכוחים.

דער אייבערשטער זאל אייך העלפן איר זאלט זוכה זיין אויפצוציען אייערע קינדער מיט יראת שמים, און נאך אלע עצות דארף מען געדענקען אז דער עיקר עצה אויף גוטע קינדער איז ״תפילה״.

מוהרא״ש האט דערציילט אז א איד איז געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו בעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער הייליגער חפץ חיים גענומען א תהלים וואס איז געווען

אויפגעבלאזן פון נאסקייט, ער האט דאס געוויזן פאר דעם איד און אים געזאגט: "דאס איז דער תהילים פון מיין מאמע עליה השלום, וואו זי פלעגט זיך יעדן טאג אויסוויינען אז זי זאל האבן גוטע קינדער, אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער". דערפאר זאלט איר אסאך בעטן דעם אייבערשטן איר זאלט זוכה זיין צו ערליכע קינדער, געזונטע קינדער און קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן דער וועלט.

אז איר וועט אכטונג געבן עס זאל נישט זיין קיין מחלוקת און איר וועט זוכן עס זאל זיין שלום, דורכדעם וועט איר ראטעווען אייערע קינדער פון אלעם שלעכטס, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן עב): "עַל יְדֵי רְדִיפַת שָׁלוֹם מַצִּיל אֶת בָּנָיו מִמִּיתָה וּמִגָּלוּת", דורך שלום ווערן די קינדער געראטעוועט פון מיתה און פון גלות; ווייל אז עלטערן קריגן זיך אנטלויפן די קינדער פון שטוב, זיי טרעפן שלעכטע חברים, ביז זיי נעמען דראגס רחמנא לצלן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלן האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

[...

~~~~~~~~~~

**ווען ס'גייט שווער די פרנסה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת משפטים, כ"ד שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אז עס גייט דיר שווער אין פרנסה האב איך פאר דיר אן עצה, זאלסט זיך אויסוויינען צום אייבערשטן און אים בעטן ער זאל רחמנות האבן אויף דיר, וועסטו זען גרויסע ניסים.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דערציילט אז אין ירושלים איז געווען א באוואוסטער מגיד רבי בנציון יאדלער זכרונו לברכה וואס ער פלעגט ארום גיין אין בתי מדרשים האלטן דרשות; איינמאל איז צוגעקומען צו אים א איד און אנגעהויבן וויינען: "איך האב נישט קיין פרנסה, מיינע קינדער גייען אויס פאר הונגער, זיי וויינען פאר ברויט און איך האב זיי נישט וואס צו געבן וכו' וכו'", האט אים ר' בנציון געזאגט: **"וָואס וִוילְסְטוּ פוּן מִיר? דוּ הָאסְט דָאךְ אַ רַייכֶע טַאטֶע, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן און רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר"**, דער איד קוקט אן ר' בנציון מיט וואונדער און זאגט: "מיין טאטע וואס וואוינט אין צפת? וואס קען ער מיר שוין העלפן? ער האט קוים פאר זיך צו לעבן?" און ער הייבט אן וויינען: "פארוואס מאכט איר חוזק פון מיר?!" זאגט אים ר' בנציון: "איך מיין נישט דיין טאטע פון צפת, איך מיין דיין טאטע אין הימל - דער גרויסער באשעפער - ער קען דיר העלפן! בעט אים ער זאל רחמנות האבן אויף דיר".
~~~~~~~~~~

דאס זעלבע זאג איך דיר: **"דוּ הָאסְט דָאךְ אַ רַייכֶע טַאטֶע, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר"**; פרנסה האט נישט צו טון צי מען איז געלונגען אדער אויב מען האט א גוטן קאפ; פרנסה קומט פונעם אייבערשטן.

אז דיין ווייב וויל דיר העלפן מיט פרנסה איז נישט קיין פראבלעם; עס איז אמת וואס דו זאגסט אז דער מאן איז דער וואס האט זיך מתחייב געווען צו ברענגען פרנסה, דאס מיינט אז מען קען נישט מחייב זיין די ווייב זי זאל ארבעטן, אבער אז זי וויל דיר העלפן זאלסטו איר דאנקען פאר דעם.

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זוכה זיין צו האבן גרויס שפע.

...

~~~~~~~~~~~

**יישר כח פאר'ן העלפן אונזער חשוב'ע כולל "היכל הקודש".**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת משפטים, כ"ה שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פאר'ן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך דאנק דיר פאר'ן העלפן אונזער חשוב'ע כולל "היכל הקודש"; איך האב געהערט אז דו האסט אריינגעלייגט כוחות הנפש אז די "טיי אווענט" אין בארא פארק זאל זיין מיט הצלחה; איך האב זייער הנאה געהאט זיך צו באטייליגן דארט.

באמת האב איך נישט געהאט בדעה צו קומען צום טיי אווענט, אבער ווי נאר איך האב געהערט וויפיל כוחות דו האסט אריינגעלייגט אז עס זאל זיין מיט הצלחה, האב איך געוואלט האבן א חלק אין די מצוה פון החזקת התורה.

אז עס מאכט זיך דיר א טאג וואס דו ארבעטסט נישט וואלט כדאי געווען דו זאלסט אריין קומען קיין וויליאמסבורג א קוק טון ווי די יונגעלייט זיצן און לערנען מיט אן אויסטערלישע התמדה; זיי הייבן אן דעם טאג מיט לערנען דעם דף גמרא, נאכדעם לערנען זיי אגאנצן טאג הלכה.

אין דעם זכות זאלסטו זוכה זיין צו הצלחה ביי אלעס וואס דו דארפסט.

פון דיין ראש ישיבה וואס בעט שטענדיג פאר דיין הצלחה.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**שטארק זיך מיט דיין צלם אלקים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת משפטים, כ״ה שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך וויל דיר מחזק זיין זאלסט קומען אינדערפרי צום שיעור; א טאג וואס מען הייבט אן מיט לערנען און דאווענען איז אן אנדערע טאג. בפרט אז דו וואוינסט דא אין שטאט זאלסטו קומען צום גמרא שיעור, מיר לערנען עס מיט די הקדמות פון רבי׳ן לויט ווי מוהרא״ש האט אונז געלערנט ווי אזוי ארויס צו נעמען עצות און התחזקות לעובדא ולמעשה.

שטארק זיך מיט דיין צלם אלקים - דיין בארד און פיאות; דאס וועט דיר ברענגען גרויס שפע. דו זעסט אויס זייער גוט מיט דיין בארד און פיאות. אויפן פסוק (שיר השירים ד, א): ״הִנָּךְ יָפָה רַעְיָתִי הִנָּךְ יָפָה עֵינַיִךְ יוֹנִים״, זאגן חכמינו זכרונם לברכה (שיר השירים רבה ד, ב): ״מַה יּוֹנָה זוֹ מְצֻיֶּנֶת, כָּךְ יִשְׂרָאֵל מְצֻיָּנִין, בְּתִגְלַחַת, בְּמִילָה, וְצִיצִית״, אידישע קינדער זענען שיין מיט די וועג ווי אזוי זיי שערן זיך זייער האר, מען שערט זיך נישט ווי די אומות העולם וכו׳; דאס איז אונזער שיינקייט.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט אויפשטעלן א ערליכע אידישע שטוב לשם ולתפארת.

א גרויסן יישר כח פאר׳ן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**אז דו וועסט קומען צום וועכנטליכן ליל שישי שיעור וועסטו האבן חיזוק אנצוגיין און עס וועט דיר לייכטן דיין לעבן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת משפטים, כ״ה שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

היינט איז זייער גרינג צו זיין א מקדש שם שמים, ווייל אמאל האט מען זיך געדארפט לאזן פארברענען פאר קידוש השם צו זיין א ריכטיגער מקדש שם שמים,

אבער היינט צו טאגס איז א יונגערמאן וואס פירט זיך אויף ערליך א מקדש שם שמים ברבים.

מענטשן שטעלן מיר כסדר אפ און גיבן מיר גריסן פון תלמידים פון ישיבה ווי זיי מאכן א קידוש השם מיט זייער התנהגות, ממש וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תנד): "עוֹד יִהְיֶה זְמַן שֶׁמִּי שֶׁיִּהְיֶה אִישׁ כָּשֵׁר פָּשׁוּט, יִהְיֶה חִידּוּשׁ גָּדוֹל כְּמוֹ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב", עס וועט זיין א צייט וואס ווער עס וועט זיין אן ערליכער איד, א פשוט׳ער איד, וועט זיין אזא חידוש אזוי ווי דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו.

אז דו ארבעטסט מיט מענטשן וואס היטן נישט זייער מויל און דו רעדסט נאר אידל, דו רעדסט נישט קיין ניבול פה - ביסטו שוין א חידוש עצום, אז דו גייסט נאכאמאל אין שול נאך אזויפיל ירידות און נפילות ביסטו נישט סתם א חידוש - דו ביסט א חידוש שבחידושים, און אז דו טראכסט פון א צווייטן איד אינמיטן דיין פארנומענע צייטן, דו געסט א ספר א קונטרס וכו׳ וכו׳ פאר א איד - ביסטו דאך ממש א צדיק.

איך בעט דיר זייער, פארמאך דיינע טשענעל׳ס פון שלעכטע זאכן און היט זיך דיינע אויגן; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (חולין סג:): איינע פון די טמא׳נע פייגלעך איז דער ׳אַיָּה׳ וואס מען רופט ׳רָאָה׳, "וְלָמָּה נִקְרָא שְׁמָהּ רָאָה?" פארוואס רופט מען איר מיט׳ן נאמען ׳רָאָה?׳ "שֶׁרוֹאָה בְּיוֹתֵר", ווייל זי זעט זייער ווייט, "עוֹמֶדֶת בְּבָבֶל וְרוֹאָה נְבֵלָה בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", זי קען שטיין אין בבל און זען א נבילה ביז אזוי ווייט ווי ארץ ישראל; דאס פארשטייט מען היינט צו טאגס זייער גוט, אז מיט די היינטיגע טעכנעלאגיע קען מען שטיין אין איין זייט וועלט און זען א נבילה אויף די אנדערע זייט וועלט, מען קען זיצן ביי זיך אין אפיס, צי אין קאר וכו׳ וכו׳ מיט א קליינעם טעלעפאון און קוקן עקלדיגע זאכן רחמנא לצלן. בעט דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם, איך בין דאך ממש ווי דער ׳רָאָה׳ וואס קוקט וואו עס געפונט זיך א נבילה, און דאס ברענגט מיר ׳רָעָה׳ - אלע שלעכטס, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד"**, אז דו קענסט נישט רעדן, דו האסט נישט קיין דיבורים, געב כאטש א קרעכץ, א שריי צום אייבערשטן וועסטו זוכה זיין ארויס צו קריכן פון דעם און דו וועסט ווערן א ריינער מענטש.

היינט נאכט וועט אם ירצה ה׳ זיין א שיעור; פארוואס זאלסטו נישט קומען זיך מחדש זיין און זיך אויפפרישן? אז דו וועסט מיר זאגן דו האסט געטראפן א נייע פלאץ פון ערליכע אידן וואו מען איז דיר מחזק אויף תורה ותפילה וועל איך זיך זייער פרייען, אבער נישט דאס און נישט יענץ, וואס יא? ווער וועט דיר מחזק זיין דו זאלסט גיין אין

שול יעדן טאג לייגן טלית ותפילין? ווער וועט דיר מחזק זיין דו זאלסט האבן סבלנות צו דיין ווייב און קינדער, דו זאלסט רעדן שיין צו דיין ווייב?

איך געדענק ווי פריש איך פלעג אהיים קומען פון מוהרא"ש'ס ליל שישי שיעורים; מיר פלעגן פארן אפאר חברים צוזאמען און אויפן וועג אהיים האבן מיר זיך געשפירט ווי מיר זענען ארויס געקומען פון די מערה וואו רבי שמעון איז געווען וכו', עס האט אונז געלאכטן דער וועלט, מיר האבן אלע תשובה געטון. ווען מוהרא"ש האט גערעדט פון שלום בית האבן מיר אלע אפגעמאכט: 'דאס איז עס, מיר גייען זיך איבערבעטן, מיר גייען פון היינט אן רעדן שיין צו די ווייב'; אז מוהרא"ש האט גערעדט פון רעדן צום אייבערשטן האבן מיר אלע אפגעמאכט: 'דאס איז עס, מיר גייען שוין רעדן צום אייבערשטן, מיר גייען מער נישט נאכלויפן קיינעם, נאר דעם אייבערשטן'.

קום צום שיעור ליל שישי וועסטו האבן די זעלבע הרגשה; מוהרא"ש איז דא אין סקילמען סטריט, מוהרא"ש געפונט זיך דארט וואו מען רעדט פון אים. ברוך השם אז דער קאך קאכט און די פייער'ס ברענען און אפילו די פייגלעך פאכענען מיט די פליגלען, זיי צינדן אן דעם פייער און לעשן דעם פייער און ווער עס פארזוכט פון די מאכלים קען שוין נישט דערליידן תאוות ממון וכו' (עיין סיפורי מעשיות מעשה יב, די מעשה פונעם בעל תפילה).

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**די מערסטע חיזוק דארפן די וואס זענען מחזק אנדערע.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת משפטים, כ"ה שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד די חשוב'ע מרת ... תחי', מנהלת בית פיגא ברסלב.**

איך האף אז איר מיט אלע טיטשערס האבן הנאה געהאט פונעם נעכטיגן שמועס; ביי מיר איז זייער חשוב צו געבן איינמאל א וואך א שמועס פאר די טיטשערס זיי צו מחזק זיין. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ספרי נשא, פיסקא א): "אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לִמְחוּזָּקִין"; די מערסטע חיזוק דארפן די וואס זענען מחזק אנדערע, דערפאר דארפן די טיטשערס און מלמדים האבן דאס מערסטע חיזוק אנצוגיין מיט זייער הייליגע ארבעט.

פאר די מלמדים געב איך יעדן אינדערפרי א שמועס גלייך נאכן שיעור גמרא; איך פריי זיך אז מען האט מסדר געווען א שיעור איינמאל א וואך פאר די טיטשערס. יעצט הער איך אז טיטשערס פון אלע שטעט ארום די וועלט הערן דאס אויס אויף: "קול ברסלב" און זענען זיך מחי' מיט דעם.
~~~~~~~~~~

א גרויסן יישר כח פאר'ן נאכאמאל צוזאמנעמען היינט אייערע תלמידות פון "בית פיגא" - די חתונה'געהאטע - זיי מחזק זיין און לערנען מיט זיי בדברים שבינה לבינו.

אויב מעגליך זאלט איר אויך רופן מרת ... תחי', זי איז אויך ווי א תלמידה און זי דארף האבן די שיעורים.

א גריס פון אייער זון ... נרו יאיר; איך האב היינט פארהערט ביי זיי אין כתה, ער ענטפערט חד וחלק אויף די שאלות, מען האט פון אים נחת.

א גרויסן יישר כח פאר'ן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אז אין דעם זכות זאלט איר האבן הצלחה אין אלע אייערע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**הויב שוין אן צו ארבעטן אויף די לוח פון קומענדיגע יאר.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת משפטים, כ"ה שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פאר'ן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע ענינים.

איך האב צער פון דעם "לוח" אז דאס איז פול מיט גרייזן; יעדן טאג ווען איך נעם דעם "לוח" צו זען די שיעורים כסדרן ב'בלי, י'רושלמי, ת'וספתא, נ"ך, וכו', האב איך נאכאמאל צער פארוואס דאס איז אזוי פארגרייזט, ממש א שאד אז דאס איז ארויסגעגעבן געווארן אזוי גרייזיג.

בעט איך דיר זייער, אויב דו קענסט שוין אנהייבן צו ארבעטן אויף די לוח לשנת ה'תש"פ און מיר ברענגען עטליכע העתקות אז איך זאל דאס קענען געבן פאר אפאר תלמידים זיי זאלן דאס איבערגיין, אזוי וועט דאס נישט זיין גרייזיג.

זיי נישט ברוגז אז איך שרייב דיר דאס, ווייל עס איז ממש א שאד אז עס איז אזוי צעפארן בשעת עס ווערן נתרבה - כן ירבו - אזויפיל תלמידים וואס לערנען בהתמדה על פי סדר דרך הלימוד פון רבי'ן, לויט ווי מוהרא"ש האט דאס אויסגעשטעלט.

...

~~~~~~~~~~

**יישר כח פאר'ן אוועקגעבן דעם שטוב צו מאכן א טיי אוונט.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת משפטים, כ"ה שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

א גרויסן יישר כח פאר'ן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אז אין דעם זכות זאלט איר האבן הצלחה אין אלע אייערע ענינים.

איך דאנק אייך פאר'ן אוועק געבן אייער שטוב צו מאכן דעם "טיי אווענט" פאר אונזער חשוב'ע כולל.

אינעם זכות פון העלפן די כולל יונגעלייט לערנען תורה זאלט איר זען נחת ביי אייערע קינדער, אייערע קינדער זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן תלמידי חכמים, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת כג:) "דְּרָחִים רַבָּנָן", ווער עס האט ליב תלמידי חכמים, "הֲווּ לֵיהּ בְּנִין רַבָּנָן" וועט זוכה זיין צו קינדער תלמידי חכמים, "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן", ווער עס איז מכבד תלמידים חכמים, "הֲווּ לֵיהּ חַתְנְוָותָא רַבָּנָן", וועט האבן איידעמער תלמידי חכמים.

דער אייבערשטער זאל אייך בענטשן מיט אלעס גוטס אינעם זכות פון מאכן אייער שטוב א אכנסיא פאר תלמידי חכמים, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות סג:): "הַמְאָרֵחַ תַּלְמִיד חָכָם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", ווער עס נעמט אריין א תלמוד חכם אין זיין שטוב און דער וואס געבט אוועק זיין שטוב פאר א מסיבה אז תלמידי חכמים זאלן האבן א שטוב - "וּמַאֲכִילוֹ וּמַשְׁקֵהוּ וּמְהַנֵּהוּ מִנְּכָסָיו, עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה" - וועט אים דער אייבערשטער היטן פון אלעם שלעכטס און געבן אלעס גוטס.

...

~~~~~~~~~~~

**זיי ווייטער עוסק אין הפצה.**

בעזרת ה' יתברך

יום ה' פרשת משפטים, כ"ה שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פאר'ן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.
~~~~~~~~~~~

איך האב נעכטן פארהערט דיין זון ...'ס כתה, איך מוז דיר זאגן אז ער האט זייער גוט געקענט די משניות כזקן ורגיל, ער זאגט די משנה'ס מיט א התלהבות און א חיות - ממש א פארגעניגן.

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל אויסוואקסן אן ערליכער איד, דו זאלסט האבן פון אים און פון אלע דיינע קינדער גרויס נחת.

איך בעט דיר זייער טייערער ... נרו יאיר זאלסט ווייטער עוסק זיין אין "הפצה"; עס ברענט א פייער, אידישע קינדער - אינגלעך, בחורים און מיידלעך ווערן נעבעך פארברענט און נאר די ספרים פון רבי'ן קען אויסלעשן דעם פייער פון ניאוף און אריין שיינען אין זיי די אמונה אינעם אייבערשטן.

שטארק זיך!

...

~~~~~~~~~~~

**לערן אויס דיין קינד זיך נישט צו לאזן טרעטן.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת משפטים, מברכים החודש, כ"ו שבט, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אז דיין קינד קומט אהיים מיט א פחד פון חדר, ער וויל נישט קומען אין חדר ווייל איינער שלאגט אים זאלסטו רעדן צום מלמד. אויב עס העלפט נישט און קיינער טוט גארנישט זאלסטו אויסלערנען דיין קינד ער זאל צוריק שלאגן.

הגם שלאגן איז נישט די אידישע וועג, נאר דאס איז א גוי'אישע וועג, אזוי ווי ביי אומות העולם שטייט (בראשית כז, כב): "הַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו", דאס איז געזאגט געווארן ווען איינער איז שוין דערוואקסן וכו' אז אויב מען פארשעמט אים וכו' איז בעסער נישט צו ענטפערן נאר אפשווייגן וכו' אבער א קינד וואס האלט אינמיטן וואקסן דארף מען אויסלערנען ער זאל נישט מורא האבן פון קיינעם אויף דער וועלט. און אויב קינדער נעמען זיך אויף אים, מען שלאגט אים און מען פארשעמט אים זאל ער קודם רעדן צום מלמד וכו' און אויב מען העלפט אים נישט זאל ער זיי צוריק געבן מנה אחת אפים; עס איז דא א דיבור פון רבי'ן: "אמאל געבט מען א פאטש".

דערפאר בעט איך דיר זייער דו זאלסט רעדן צום מלמד און צום מנהל, פארצייל זיי אז דיין זון ווערט גע'רודפ'ט פון א צווייטן קינד; דאס מיינט נישט צו זאגן אז דער קינד וואס שלאגט איז א שלעכט קינד, מען דארף אים פשוט מחנך זיין. עס זענען דא
~~~~~~~~~~~

קינדער וואס פארשטייען נישט וואס זיי טוען ווי לאנג זיי שפירן דאס נישט אויף זייער הוט, און אז קיינער מאכט זיך נישט וויסנדיג זאלסטו אויסלערנען דיין זון ווי אזוי זיך צו פארטיידיגן, 'סעלף דיפענס' וכו', ער זאל וויסן זיך צו ראטעווען, אז נישט וועט ער ווערן א קרבן פאר אנדערע קינדער השם ישמרינו.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן נישט דארפן צו קומען צו דעם, אבער מען דארף אנגרייטן די קינדער זיי זאלן זיך נישט לאזן צעברעכן פון קיינעם אויף דער וועלט.

...

~~~~~~~~~~

**א מלמד ארבעט צוזאמען מיט די עלטערן.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת משפטים, מברכים החודש, כ"ו שבט, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר, מלמד בתלמוד תורה היכל הקודש ברסלב.**

איך האב זייער הנאה געהאט צו פארהערן אין דיין כיתה משניות; די קינדער האבן זייער גוט געקענט. מען זעט די כוחות וואס דו לייגסט אריין אין זיי, דער אייבערשטער זאל דיר העלפן דו זאלסט זען נחת ביי דיינע קינדער.

בנוגע דער קינד וואס פירט זיך נישט אויף אזוי שטארק דרך ארץ'דיג וכו'; איך וואלט דיר מייעץ געווען דו זאלסט רעדן צו זיינע עלטערן. ברוך השם אז די עלטערן תלמידי היכל הקודש ווילן נאר טון דעם רצון השם; אלע גייען מיר מיטן זעלבן וועג, מיר וויל אלע מחנך זיין אונזערע קינדער זאלן האבן דרך ארץ. מיר ווייסן אלע אז ביים רבי'ן איז געווען דאס ערשטע זאך דרך ארץ, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אֲנָשַׁי דֶּרֶךְ אֶרֶץ, הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ", ווען קעניגן וואלטן געוויסט וואסערע דרך ארץ איך לערן אויס מיינע תלמידים, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער צו מיר איך זאל זיי אויסלערנען דרך ארץ; דעריבער זאלסטו רעדן מיט די עלטערן, זיי זענען זייער ווארילע עלטערן און זיי וועלן דיר העלפן אז זייער קינד זאל זיין דרך ארץ'דיג, זיי וועלן רעדן צום קינד ער זאל אכטונג געבן אויף דרך ארץ.

אזוי אויך בעט איך דיר זייער, אויב מיין זון ... נרו יאיר איז נישט אזוי דרך ארץ'דיג זאלסטו מיר מודיע זיין, ווייל איך וויל אויפברענגען מיינע קינדער זיי זאלן זיין בעלי דרך ארץ.
~~~~~~~~~~

זע צו דערציילן פאר די קינדער יעדן טאג מעשיות פון צדיקים; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זאלסט וויסן - זאגט דער רבי - אז פארציילן מעשיות פון צדיקים איז זייער א גרויסע זאך, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", ווייל ווען מען הערט א מעשה פון א צדיק, ווערט דאס הארץ אויפגעפלאמט צום אייבערשטן, און מען באקומט א שטארקע חשק צו ווערן אן ערליכער איד ווען מען זעט צו וואס דער צדיק האט זוכה געווען ווען ער איז בייגעשטאנען אלע זיינע נסיונות, און מען וויל אויך ווערן א צדיק; בפרט קינדער, פאר זיי איז זייער וויכטיג מעשיות פון צדיקים ווייל ווען א קינד הערט א מעשה פון א צדיק, ווערט ער זייער נתעורר דורך דעם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**מען טאר נישט צולאזן קינדער צו זיין חוצפה'דיג.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת משפטים, מברכים החודש, כ"ו שבט, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

וואויל איז פאר עלטערן וואס זענען מחנך די קינדער ווען זיי זענען יונג, ווייל וויסן זאלסטו אז ווען קינדער זענען שוין עלטער קען מען שוין נישט רעדן צו זיי, נאר ווי יונגער זיי זענען אלץ מער הערן זיי אויס.

שלמה המלך זאגט (משלי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", ווער עס האט ליב זיין קינד, זאגט אים מוסר, און ווער עס זאגט נישט קיין מוסר, איז א סימן אז ער האט פיינט זיין קינד.

חכמינו זכרונם לברכה שמועסן דאס אויס (מדרש שמות רבה א, א): ווער עס איז נישט מחנך זיין קינד ווייל ער שוינט אים וועלן די קינדער צום סוף אראפ גיין פון אידישן וועג. אזוי ווי מיר זעען ביי אברהם אבינו, אז ווען ער האט געזען ווי ישמעאל קומט אהיים מיט א געטשקע און שפילט זיך דערמיט האט ער אים געשוינט און גארנישט געזאגט, ביז ער האט אים געדארפט פארטרייבן פון שטוב כדי ער זאל נישט קאליע מאכן זיין ברודער יצחק.
~~~~~~~~~~~

אזוי האט איך פאסירט מיט עשו; יצחק האט ליב געהאט עשו אזוי ווי עס שטייט (בראשית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו", ער האט אים קיינמאל גארנישט געזאגט און צום סוף איז ער ארויס לתרבות רעה, אזוי ווי חז"ל זאגן (בבא בתרא טז:) אז אינעם טאג וואס עשו האט פארקויפט די בכורה פאר יעקב האט ער עובר געווען אויף פינף הארבע עבירות - ער האט געטון אן עבירה מיט א נערה המאורסה; ער האט גע'הרג'עט א מענטש; כופר געווען אין תחיית המתים; כופר געווען אינעם אייבערשטן; און ער האט פארשעמט די בכורה. זעט מען פון דעם אז ווען א מענטש זאגט נישט קיין מוסר פאר זיינע קינדער ווען זיי זענען נאך יונג, וועט ער חרטה האבן שפעטער, עס איז כדאי זאלסט נאכקוקן אין מדרש (מדרש שמות רבה א, א; תנחומא שמות א, א), וועסטו זען ווי די הייליגע חכמים רעכענען אויס נאך מעשיות, ווי אבשלום און אדוניה די קינדער פון דוד המלך וואס ער האט זיי נישט געזאגט קיין מוסר, וואס עס איז געשען מיט זיי.

איך שרייב דיר דאס אלעס ווייל איך וויל דיר מעורר זיין אויף א נקודה אין חינוך; איך האב געזען ווי דיין זון נרו יאיר שלאגט דיר אן אויפהער און אנשטאט דו זאלסט אים מחנך זיין און געבן א פאטש וכו' פאר די חוצפה פון שלאגן א טאטע האסטו זיך נישט וויסנדיג געמאכט וכו'.

וויל איך דיר זאגן אז דאס איז נישט דער וועג, עס קען זיין אז איך בין שולדיג אין דעם מיט דעם וואס איך רעדט אזויפיל ביי די שיעורים אז מען זאל נישט שלאגן קיין קינדער; אמת טאקע מוהרא"ש האט אונז כסדר מחזק געווען אז מיר זאלן האבן סבלנות אין שטוב און מיר זאלן נישט שלאגן די קינדער, אבער מען דארף וויסן אז ווען עס קומט צו חוצפה, אז א קינד שלאגט טאטע מאמע דארף מען אים מחנך זיין און געבן א פאטש.

מוהרא"ש האט אונז געזאגט אז ווען ער איז געווען א מלמד האט ער נישט געשלאגן די תלמידים - חוץ אויף חוצפה; אזוי אויך האב איך געהערט פון יונגעלייט וואס האבן געלערנט ביי מוהרא"ש אין ישיבה אז מוהרא"ש האט זיי געגעבן א פאטש ווען זיי האבן זיך מתחצף געווען. אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי כג, יג): "אַל תִּמְנַע מִנַּעַר מוּסָר", האלט זיך נישט אפ פון מחנך זיין דיין קינד, "כִּי תַכֶּנּוּ בַשֵּׁבֶט לֹא יָמוּת", אז דו וועסט אים שלאגן וועט ער נישט שטארבן פון דעם, "אַתָּה בַּשֵּׁבֶט תַּכֶּנּוּ", דו געב אים א פאטש, "וְנַפְשׁוֹ מִשְּׁאוֹל תַּצִּיל", וועסטו אים ראטעווען פון אנקומען אין גיהנום.

איך האף אז עס איז נאך נישט צו שפעט; דיין זון איז שוין פינף יאר, יעצט איז די צייט וואס מען נעמט ארויס די שלעכטע נאטורן, אויב לאזט מען זיי אויסוואקסן אן חינוך וועט זיין זייער שווער מיט זיי וכו'. דאס איז א טעות וואס אסאך עלטערן מאכן,

מען כאפט נישט אז קינדער דארף מען מחנך זיין דוקא ווען זיי זענען נאך יונג און ארויס נעמען פון זיי די שלעכטע געוואוינהייטן, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן סד): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מען דארף אויסלערנען די קינדער זיי זאלן האבן דרך ארץ און גוטע מידות פון ווען זיי זענען נאך יונג; א קינד דארף וויסן אז אווארט פון טאטע מאמע איז א ווארט, נישט דא קיין וויכוחים, נישט דא קיין הסברים און נישט דא קיין טעמים. ווען א קינד פרעגט: "פארוואס דארף איך דאס טון?" איז דער תירוץ: "ווייל טאטע מאמע האבן אזוי געזאגט", אן קיין פארוואס און אן קיין פארוועץ, און אז דער קינד שלאגט דעם טאטע אדער מאמע געבט מען אויף דעם א פאטש ער זאל דאס נישט טון נאכאמאל.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן נאר נחת פון אייערע קינדער.

...

~~~~~~~~~~

**אכטונג געבן די קינדער זאלן נישט שלאגן און טשעפען.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת משפטים, מברכים החודש, כ"ו שבט, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר, מלמד בתלמוד תורה היכל הקודש ברסלב.**

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו ביסט א מלמד, דו לערנסט די הייליגע אותיות מיט די כתה א' קינדער און דו לייגסט אריין אין זיי יראת שמים זיי זאלן אויסוואקסן גרויסע צדיקים.

אשרי חלקך אז דו באשעפטיגסט זיך מיט אזא הייליגע ארבעט; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי דמאי ז, ג) רבי יוחנן האט געזען א מלמד וואס האט געפאסט, האט ער אים געזאגט: "אָסוּר לְךָ", דו טארסט נישט פאסטן, "וּמַה אִם מְלַאכְתּוֹ שֶׁל בָּשָׂר וָדָם אַתְּ אָמַר אָסוּר", מה דאך דער וואס ארבעט פאר א צווייטן טאר נישט פאסטן ווייל ווען מען פאסט קען מען נישט ארבעטן געהעריג פלייסיג און דאס הייסט גניבה, "מְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לֹא כָּל שֶׁכֵּן?!", איז דאך זיכער אז א מלמד וואס ארבעט פאר'ן אייבערשטן טאר נישט פאסטן, ווייל ער דארף האבן כח צו ארבעטן מיט די קינדער; זעט מען פון דעם אז א מלמד איז עוסק במלאכתו של הקדוש ברוך הוא, ער ארבעט פאר'ן הייליגער באשעפער.

איך בעט דיר זייער זאלט אכטונג געבן אויף די קינדער אז עס זאל נישט זיין צווישן זיי א קינד וואס טשעפעט אנדערע קינדער; האברך ... נרו יאיר זאגט מיר אז זיין זון
~~~~~~~~~~

קומט אהיים יעדן טאג מיט א פחד פון א קינד וואס שלאגט אים און טשעפעט אים, עד כדי כך אז היינט האט ער שוין נישט געוואלט קומען אין חדר נאר צוליב דעם וואס עס איז דא א קינד ביי דיר אין כיתה וואס שלאגט און טשעפעט, דאס וואלסטו אליינס געדארפט וויסן און אכטונג געבן אז קיין שום קינד זאל נישט שלאגן און זיך גרויסן אויף אנדערע.

דערפאר בעט איך דיר דו זאלסט מחנך זיין די קינדער אז מען קען נישט שלאגן און נישט טשעפען; זיי זענען קליינע קינדער, כיתה א׳ קינדער; יעצט איז די צייט זיי מחנך צו זיין. שלמה המלך זאגט (משלי כב, טו): "אִוֶּלֶת קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", א קינד ווערט געבוירן מיט נישט גוטע מידות, "שֵׁבֶט מוּסָר יַרְחִיקֶנָּה מִמֶּנּוּ", דארף מען אים מחנך זיין און אים געבן מוסר כדי ארויס צו נעמען פון אים די נארישקייטן.

אונזער וועג פון חינוך איז פון די הייליגע תורה; ליידער לעבן מיר היינט אויסגעמישט צווישן די אומות העולם און עס כאפט זיך אריין ביי אונז אידן זייערע שיטות פון חינוך, עד כדי כך אז עס זענען דא היימישע עלטערן וואס נעמען זייערע השקפות פון טערעפיסטן וואס נעמען זייער געדאנקען גאנג נישט פון די תורה; מען לערנט אויס עלטערן מען זאל נאכגעבן פאר די קינדער וכו׳, און די תוצאה דערפון איז אז קינדער וואקסן אויף אן קיין חינוך רחמנא לצלן.

בעט איך דיר דו זאלסט מחנך זיין דיינע תלמידים צו מידות טובות; דערצייל זיי מעשיות איבער די הארבקייט פון טשעפען וכו׳, און אז א קינד נוצט הענט זאלסטו אים קנס׳ענען וכו׳. אמאל איז פארהאן א קינד וואס ווייסט נישט און כאפט נישט אז ווען מען שלאגט טוט דאס וויי, דארף מען אים אויך געבן א פעטשעלע ער זאל וויסן ווי אזוי עס שפירט ווען ער טוט דאס פאר אנדערע.

מוהרא"ש האט דערציילט אז אמאל איז א פרוי אריין געקומען צום הייליגן רבי׳ן פון סאטמאר זכותו יגן עלינו און געוויינט: "מיין מאן שלאגט מיר" און זי האט געוויזן פאר׳ן רבי׳ן אירע צייכענעס פון די פעטש; דער רבי האט גלייך געהייסן פאר׳ן גבאי ער זאל רופן דעם מאן, און דער רבי האט גענומען זיין שטעקן און אים אנגעהויבן שלאגן, האט יענער געפרעגט דעם רבי׳ן: "וואס האב איך געטון אז דער רבי שלאגט מיר?" זאגט אים דער רבי: "איך טראכט אז דו ווייסט נישט ווי מען שפירט ווען מען שלאגט, איך וויל דו זאלסט שפירן אז פעטש טוט וויי".

אמאל דארף מען געבן טועם צו זיין פאר איינעם ער זאל שפירן וואס ער טוט פאר א צווייטן; חס ושלום אז קינדער זאלן האבן א פחד צו קומען אין חדר, דער יונגערמאן

זאגט מיר אז זיין זון פאלט ארויס די לעצטע צוויי וואכן פון די עברי זייט דאס קינד שלאגט אים.

איך פריי זיך זייער אז דו קומסט פארנאכטס אין כולל לערנען הלכה; די כולל איז פאר מיר ממש א נחת רוח צו זען ווי די תלמידים פון ישיבה זיצן נאך די חתונה און לערנען די הייליגע תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~שאלות ותשובות~~~

**ווער איז א גוטער חתן מדריך?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א חתן ב"ה, און איך האב געוואלט פרעגן דעם ראש ישיבה שליט"א צו וועלכן חתן מדריך איך זאל גיין. איך הער אלץ ווי דער ראש ישיבה שליט"א רעדט אז מ'דארף זיך אכטונג געבן פון פאלשע מדריכים, ווי אזוי קען איך אבער וויסן פאראויס ווער ס'איז א גוטער מדריך?

אויך וואלט איך געוואלט הערן הדרכות אויף שלום בית, אויב דער ראש ישיבה שליט"א קען מיר שרייבן עפעס איבער דעם.

א גרויסן יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת משפטים, כ״ב שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד החתן ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מען דארף זייער אכטונג געבן נישט אנצוקומען צו פאלשע מדריכים וואס לערנען אויס חומרות מיט פרישות וואס איז אנטקעגן די הייליגע תורה; זיי שטעלן זיך אהער ווי חסידים וכו׳ ווען באמת זענען זיי פשוט׳ע מניוולים, ענדערש זאל מען בכלל נישט גיין צו קיין חתן מדריך ווי איידער אנצוקומען צו זיי.

באמת דארף מען בכלל נישט קיין חתן מדריך; א חתן דארף לערנען די הלכות אין שלחן ערוך יורה דעה סימן קצ״ה, קצ״ו און אביסל סימן קפ״ט צו קענען די חשבונות און זיך אביסל צוגרייטן וכו׳, אבער דאס וואס מען מאכט שיעורים וכו׳ איז נאך א וועג ווי אזוי מען קען ארויס ציען געלט פון די עלטערן (אזוי ווי מען טוט מיט בר מצוה בחורים צו לערנען מיט זיי א פשעטל; ווי לאנג נעמט אויס צו לערנען אפאר שורות פון א פשעטל? מערסטנס א שעה צוויי, אבער אויף דעם קען מען נישט בעטן קיין גרויסע געלטער, מאכט מען א שפיל מיט׳ן קינד ער זאל קומען נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל, אלעס וועדליג דאס געלט).

מוהרא״ש זאגט אז איינע פון די סימנים פון א פאלשער חתן מדריך און א פאלשער שלום בית מאכער איז אז ער בעט געלט און אלעס איז געוואנדן אין געלט; פון אזא

איינעם דארף מען אנטלויפן, ווייל ער מיינט נישט דיין טובה ער מיינט בלויז זיין געלט; ער וועט זיכער מאכן ארויס צו ציען נאך און נאך געלט פון דיר, ווי לאנג ער וועט טרעפן א צווייטן פון וועמען צו מעלקן; אן ערליכער איד וועט קיינמאל נישט בעטן קיין געלט צו העלפן מאכן שלום בית און צו לערנען פאר די חתונה וכו'.

אז דו ווילסט האבן א גוט לעבן זאלסטו שטענדיג געדענקען דעם כלל: **"זוך נישט צו זיין גערעכט"**; מען ווערט נישט קליין אויב מען פירט נישט אויס און מען ווערט נישט גרויס אויב מען פירט יא אויס, ענדערש **"זוך צו זיין קלוג"**, - וועסטו האבן א שיינע לעבן.

אויף נאך א זאך זאלסטו אכטונג געבן, אז דו זאלסט שטענדיג רעדן שיין צו דיין ווייב, אפילו אויב זי איז דיר מצער; געב א קוק וואס חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (יבמות סג.) "רַבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְּבֵיתְהוּ", רב חייא'ס ווייב פלעגט אים זייער אסאך מצער זיין; מיט דעם אלעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי", ווען ער פלעגט זען א גוטע זאך וואס זיין ווייב האט ליב, "צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ, וּמַיְיתֵי נִיהֲלַהּ", פלעגט ער דאס אהיים ברענגען פאר איר, האט רב געפרעגט רבי חייא: איך פארשטיי נישט, פארוואס ברענגסטו איר אייביג אהיים גוטע זאכן זי איז דאך דיר מצער?! האט אים רב חייא געזאגט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מיר איז גענוג אז זי ראטעוועט מיר פון עבירות און זי ציט אויף מיינע קינדער צו לערנען די הייליגע תורה; זעט מען ווי שטארק מען דארף אכטונג געבן צו מכבד זיין די ווייב.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט גיין אונטער די חופה בשעה טובה ומוצלחת און זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, דורות ישרים ומבורכים.

...

~~~~~~~~~~~

### ווי אזוי רעאגירט מען ווען מ'קומט אן אינמיטן די שטוב ווירטשאפט?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך ווער כסדר נתפעל פון די פשוטע און פראקטישע מהלך המחשבה פון מוהרא"ש, און ווי דער ראש ישיבה שליט"א האלט זיך ווייטער אויף דעם דרך, צו ענטפערן מיט אזא שכל הישר.

איך וויל פרעגן א כלליות'דיגע שאלה אין שלום בית, וואס צו טון ווען די ווייב איז פארנומען ביז איבער'ן קאפ מיט די שטוב ארבעט. די שאלה איז בעיקר נוגע פאר פסח, אבער אויך אין אנדערע צייטן.
~~~~~~~~~~~

איך קום אהיים און איך זע ווי די שטוב פליעט, און מיין ווייב איז פארנומען מיט די שטוב ארבעט און איז אנגעצויגן ביז איבער'ן קאפ, וואס דארף איך דעמאלט טון? איך קען נישט צולייגן סתם אזוי א האנט, ווייל איך ווייס נישט פונקטליך וואו זי האלט מיט די זאכן, און זי האט נישט קיין צייט און געדולד מיר מסביר צו זיין וואס מ'דארף יעצט טון; סתם שטיין אין די זייט און זיך אראפזעצן, שפיר איך אז ס'טוט איר זייער וויי אז זי ארבעט אזוי שווער און איך רוה זיך אפ; אליין צולייגן א האנט און פרובירן זיך פארצושטעלן וואס מ'דארף צו טון יעצט, איז אויך א שווערע זאך; איר זאגן "וואה! דו ארבעטס אזוי שווער!", בשעת די הויז פליעט, איז דאך ווייטער נישט קיין אפציע. און אסאך מאל שפיר איך אז איך מוז פשוט זיך אהערשטעלן אזוי ווי איך בין אויך אנגעצויגן אזויווי איר, סתם צו ווייזן אז איך בין איר אויף איין בלאט.

איך טראכט צומאל אז איך וואלט געדארפט אמאל מיטהאלטן די גאנצע שטוב ווירטשאפט, פון צופרי ביז ביינאכט, אזוי וועל איך וויסן און פארשטיין ווי אזוי ס'ארבעט, און איך וועל קענען העלפן ווען ס'פעלט אויס; אבער איך ארבעט שווער א גאנצן טאג, און איך וועל דאס נישט קענען באווייזן.

איך שטעל זיך פאר אז נאך מענטשן האבן דעם זעלבן פראבלעם, און איך וואלט זייער הנאה געהאט צו הערן א פראקטישע הדרכה, אויף למעשה, איך האלט שוין נאכ'ן מתפלל זיין צום אייבערשטן אויף דעם ענין.

יישר כח, אלישע

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת משפטים, כ״ב שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד אלישע נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

לייג אוועק אלע דיינע נארישע חכמות המדומות און טו צו די זאך; מאך זיך נישט פאר אזא בטלן, אז דיין ווייב איז אנגעשטרענגט מיט די שטוב ארבעט זאלסטו איר העלפן. מיט דעם וואס דו העלפסט איר העלפסטו זיך אליינס; דו טוסט קיינעם נישט קיין טובות נאר פאר זיך. ווייל דורכדעם וואסטו האבן א געזונטע ווייב, א רואיגע ווייב און א פרייליכע ווייב.

עס זענען דא יונגעלייט וואס טוען א גאנצע טובה מיט'ן העלפן אין שטוב, נאכדעם דארפן זיי שוין א באלוינונג פון די ווייב פארן העלפן אביסל, זיי דארפן שוין רשות ארויס צו לויפן פון שטוב פאר'ן העלפן אפאר מינוט. אנשטאט טראכטן: 'די גאנצע ארבעט וואס זי טוט וואלט איך ווען געדארפט טון, נאר געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב א ווייב וואס העלפט מיר גרינגער מאכן די ארבעט, איך דארף באמת טראכטן מיט וואס איך קען באלוינען מיין ווייב פאר'ן מיר העלפן וכו''.

איך בעט דיר נאכאמאל, לייג אוועק דיין פילאזאפיע און העלף איר מיט דיין גאנצע הארץ; שטעל נישט קיין פנים ווי א בטלן און מאך עס נישט אזוי שווער. עס איז שווער ווי לאנג מען האלט נישט דערביי און כל זמן מען וויל שוין ארויסלויפן וכו׳, אבער אז דו וועסט קוקן אויף די שטוב ארבעט ווי עס איז דיין עול וועסטו שוין פונקטליך וויסן וואס דו האסט צו טון.

מען קען זיך גארנישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון לעבן בשלום. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ויקרא רבה ט, ט): ״גָּדוֹל שָׁלוֹם, שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה - אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא - יִמָּחֶה בַּמַּיִם כְּדֵי לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ״, ביים אייבערשטן איז אזוי חשוב עס זאל זיין שלום, אז דער אייבערשטער האט געשריבן אין די תורה מען זאל אויסמעקן זיין הייליגן נאמען אבי עס זאל זיין שלום צווישן מאן און ווייב.

אזוי אויך דערציילן די הייליגע חכמים (ויקרא רבה שם, שם): ״רַבִּי מֵאִיר הֲוָה יָתִיב וְדָרִישׁ בְּלֵילֵי שַׁבַּתָּא, הֲוָה תַּמָּן חָדָא אִתְּתָא יַצִּיבָא וְשָׁמְעָה לֵיהּ תָּנְתָא מִדְרָשָׁא״, עס איז געווען א פרוי וועלכע פלעגט גיין יעדע פרייטאג צו נאכט׳ס צום שיעור וואס דער הייליגער תנא רבי מאיר בעל הנס פלעגט געבן, ״אַמְתִּינַת עַד דְּיִחֲסַל מִמִּדְרַשׁ״, איין וואך האט דער תנא רבי מאיר אריינגעצויגן די שיעור אביסל שפעט און די פרוי האט געטראכט אז זי וועט אויסווארטן ביז ער ענדיגט דעם שיעור. ״אָזְלָה לְבֵיתָהּ, אַשְׁכְּחָא בּוּצִינָא טָפֵי״, ווען זי איז אהיים געקומען איז שוין געווען טונקל אין שטוב, די ליכט האבן זיך שוין געהאט אויסגעלאשן, ״אֲמַר לָהּ בַּעְלָהּ, אָן הֲוֵית״, ווען איר מאן האט איר געפרעגט: וואו ביסטו געווען? ״אָמְרָה לֵיהּ אֲנָא יָתִיבָא וְשָׁמְעָה קָלֵיהּ דָּרוֹשָׁה״, האט זי געענטפערט: ביים שיעור פון הייליגן תנא רבי מאיר, ״אֲמַר לָהּ כֵּן וְכֵן לָא אִעַיְּלַתְּ לְהָכָא עַד דַּאֲזַלְתְּ וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּי דָּרוֹשָׁה״, איר מאן איז געווען א שלעכטער מענטש, א כעסן, א לץ; האט ער איר געזאגט: דו קענסט נישט אריין קומען אין שטוב ביז ווילאנג דו גייסט שפייען אויפן פנים פונעם בעל דרשן, און ער האט פארמאכט די טיר. ״יְתִיבָא שַׁבַּתָּא קַמַּיְיתָא תִּנְיָנָא וּתְלִיתָא, אֲמָרִין לָהּ מְגֵירָתָא כַּדּוּ אַתּוּן צְהִיבִין, אֲתֵינָן עִמָּךְ לְגַבֵּי דָּרוֹשָׁה״, די פרוי איז געווען א ערליכע פרוי און זי האט געטראכט צו זיך: ׳ענדערש וועל איך בלייבן אינדרויסן ווי איידער מבזה זיין דעם הייליגן תנא רבי מאיר׳, און זי איז געגאנגען צו א חבר׳טע שלאפן, אזוי זענען אריבער אפאר וואכן וואס זיי זענען געווען צעטיילט. ״כֵּיוָן דְּחָמֵי יַתְהוֹן רַבִּי מֵאִיר צָפָה בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ״, דער הייליגער תנא רבי מאיר בעל הנס האט דאס געזען מיט רוח הקודש, ״אֲמַר לְהוֹ אִית מִנְּכוֹן אִתְּתָא דְּחַכִּימָא לְמִלְחַשׁ בְּעֵינָא״, האט ער ארויס געלאזט א שמועה אז זיין אויג טוט אים וויי, ער שפירט ווי עס ברענט אים, און ווער עס קען לוחש זיין אויף דעם זאל קומען. (אמאל איז געווען אזא רפואה,

אז מען פלעגט שפייען אויפן אויג און זאגן עפעס ווערטער, און אזוי איז מען אויסגעהיילט געווארן).

"אֲמָרִין לָהּ מְגֵירָתָא כַּדּוּ אַתְּ אָזְלַת וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּיהּ וְתִשְׁרֵי לְבַעֲלִךְ", האבן די חבר'טעס געזאגט פאר די פרוי: גיי שפיי אריין אין רבי מאיר'ס אויג, אזוי וועט דיין מאן מאכן שלום מיט דיר. "כֵּיוָן דְּיָתְבָא קַמֵּי אִידְחִילַת מִינֵיהּ, אֲמָרָה לֵיהּ רַבִּי לֵית אֲנָא חַכִּימָא לְמִילְחַשׁ עֵינָא, אֲמַר לָהּ אֲפִלּוּ הָכֵי רוֹקִי בְּאַנְפִּי שְׁבַע זִמְנִין וַאֲנָא מִינְשִׁים", איז זי געגאנגען, און רבי מאיר פרעגט איר: דו קענסט לוחש זיין? האט זי זיך דערשראקן און געזאגט דעם אמת אז זי קען נישט. האט איר רבי מאיר געזאגט: דעמאלט שפיי אריין זיבן מאל אויף מיין פנים, אזוי וועל איך האבן א רפואה, "עָבְדָה הָכִין. אֲמַר לָהּ אִיזִלִי אִמְרִי לְבַעֲלִיךְ אַתְּ אֲמַרְתְּ חֲדָא זִימְנָא וַאֲנָא רָקֵית שְׁבַע זִימְנִין", און זי האט אזוי געטון. האט איר רבי מאיר געזאגט: גיי אהיים און זאג פאר דיין מאן: דו האסט מיר געהייסן שפייען איינמאל, אבער איך האב געשפיגן זיבן מאל.

"אָמְרוּ לוֹ תַּלְמִידָיו רַבִּי כָּךְ מְבַזִּין אֶת הַתּוֹרָה, לָא הֲוָה לָךְ לְמֵימַר לְחַד מִינָן לְמִלְחַשׁ לָךְ", האבן די תלמידים געפרעגט: איז דאס כבוד התורה? פארוואס האט אונז נישט דער רבי געזאגט אז דער מענטש האט געהייסן זי זאל שפייען אויפן רבי'ן, מיר וואלטן אים מסדר געווען ער זאל זיך נישט ווייגן אזאנס צו טון?! "אֲמַר לְהוֹ לָא דַּיּוֹ לְמֵאִיר לִהְיוֹת שָׁוֶה לְקוֹנוֹ, דְּתָנֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גָּדוֹל שָׁלוֹם שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם בִּשְׁבִיל לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ", האט רבי מאיר געזאגט: דער אייבערשטער האט געהייסן מען זאל אויסמעקן זיין נאמען אבי צו מאכן שלום צווישן מאן און ווייב, איז דאך זיכער אז רבי מאיר'ס נאמען זאל אויסגעמעקט ווערן אבי צו מאכן שלום צווישן מאן און ווייב; זעט מען ווי חשוב עס איז אז עס זאל זיין שלום צווישן מאן און ווייב.

דאס וואס דו שרייבסט אז "דו האלסט שוין נאך תפילה" איז געשריבן אן טראכטן. ווייל מען דארף א גאנץ לעבן דאווענען מען זאל האבן שלום בית און וויסן ווי אזוי צו לעבן מיט'ן ווייב; יעדן טאג דארף מען קומען צום אייבערשטן פון פריש כאילו מען האט נאך נישט געבעטן אויף דעם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**וואס זענען די הנהגות פון ברסלב פאר א מיידל?**
~~~~~~~~~~~

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א מיידל, און איך האב באקומען פון איינעם א קארטל מיט די נומער פון "קול ברסלב", און זייט דעמאלט האט מיין לעבן זיך געטווישט צום גוטן, איך הער אויס אלע דרשות און חיזוק, און דאס האט מיר געגעבן א נייעם בליק אויף לעבן, און איך פרוביר צו גיין אין די וועגן. איך בין א ספרד'ישע מיידל, און איך נעם די דיבורים מיט א געוואלדיגע תמימות ופשיטות, און איך פרוביר אלעס מקיים צו זיין.

אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א מיר געבן הדרכה וואס ברסלב מיינט פאר א מיידל, וואס זענען די הנהגות פון ברסלב פאר א מיידל.

אויך וויל איך וויסן, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א רעדט אסאך פון כיבוד אב ואם, און איך פרוביר דאס טאקע מקיים צו זיין אויף ווי ווייט מעגליך, אבער ליידער זענען מיינע עלטערן זייער כעס'יגע מענטשן, יעדע קלייניקייט רעגט זיי זייער אויף, זיי קענען אסאך מאל שלאגן מיט גרויס רציחה, ספעציעל מיין יונגערע שוועסטער, און איך האב זייער מורא וואס וועט זיין ווען איך וועל אי"ה טרעפן מיין באשערטן שידוך, און איך וועל חתונה אי"ה, ווי אזוי וועל איך קענען פירן א נארמאלע שטוב, אין די צייט וואס איך האב נישט געזען א גוטעביישפיל פון א נארמאלע שטוב אין מיינע יונגע יארן.

איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר ענטפערן און ווייזן דעם ריכטיגן וועג.

א גרויסן יישר כח נאכאמאל.

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת משפטים, כ"ב שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**... תחי'.**

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

**איך וועל אייך שרייבן אין קורצן וואס 'ברסלב' מיינט פאר א מיידל.**

**א - 'שמחה'; דער הייליגער רבי זאגט** (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן כד): **"מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עס איז א גרויסע מצוה צו זיין שטענדיג פרייליך, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", און זיך שטארקן מיט אלע כחות נישט צו זיין דעפרעסט. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", ווייל אלע מחלות און אלע קרענק וואס קומען אויפן מענטש איז נאר ווייל מען איז דעפרעסט און נישט פרייליך.**

**ביים אייבערשטן שטייט** (דברי הימים א טז, כז): **"עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", ווען א מענטש איז זוכה און ער איז פרייליך קען ער צוקומען צו די גרעסטע מדריגות. אזוי אויך, ווען מען**

איז פריילעך גייט מען ארויס פון אלע צרות און פון אלעם שלעכט'ס, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", דורך שמחה גייט מען ארויס פון אלע פראבלעמען.

דער יצר הרע וויל נאר אז א מענטש זאל ווערן מרה שחורה'דיג און אריין פאלן אין א טיפע דעפרעסיע, דאס איז זיין גאנצע ציל וואס ער וויל ערררייכן ווען ערווארפט אראפ א מענטש אין עבירות - אים אריין ווארפן אין א קטנות הדעת, אין עצבות ומרה שחורה. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מח): "עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ", ווען א מענטש איז דעפרעסט איז ער אין די הענט פון די נישט גוטע, דער אייבערשטער האט פיינט ווען מען איז דעפרעסט; דעריבער דארף מען פאלגן דעם רבי'ן און זיך פריילעך מאכן מיט יעדע נקודה וואס מען האט.

ב - 'התבודדות'; דער רבי האט אונז געגעבן א גרינגע וועג ווי אזוי מיר זאלן קענען נאנט ווערן צום אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל"; אמאל האט מען געדארפט טון שווערע עבודות צו קענען דינען דעם אייבערשטן, מען האט געדארפט פאסטן און זיך מסגף זיין וכו' וכו' ביז מען האט זוכה געווען זיך אויפצוהייבן אביסל פון די וועלט און ווערן נענטער צום אייבערשטן. ביז דער רבי איז געקומען און אונז געגעבן די גרינגע וועג פון התבודדות, אז א מענטש זאל זיך אויסשמועסן זיין הארץ מיטן אייבערשטן אויף די שפראך וואס ער איז באקוועם צו רעדן, כדבר איש אל רעהו, אזוי ווי מען שמועסט מיט א נאנטע חבר. אים אלעס דערציילן, אלע זאכן וואס מען טוט, און אלע מעשים און מחשבות אין וואס דער יצר הרע ווארפט אים אראפ. דאס ברענגט דעם מענטש ער זאל ווערן זייער נאנט צום אייבערשטן.

אז איר וועט זיין שטארק מיט די צוויי זאכן - שמחה והתבודדות - וועט איר זוכה זיין צו האבן א שיינע לעבן; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן מח): די וועלט איז ווי א שמאלע בריק, "וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר הוּא לֹא לְהִתְפַּחֵד", דער עיקר איז מען זאל נישט מורא האבן; מוהרא"ש זאגט, ווען מען גייט אויף א שמאלע בריק דארף מען האבן א צוים פון ביידע זייטן, וואס זענען די צוויי צוימען וואס מען דארף האבן דורך צו גיין די וועלט בשלום? איינס 'שמחה' און איינס 'התבודדות'; אז מען האט די צוויי זאכן קען מען אריבער גיין דעם שמאלסט'ן בריק אן קיין שום פחד.

בנוגע אייערע עלטערן, אז זיי שרייען און שלאגן וכו'; זאלט איר נוצן די צוויי אויבנדערמאנטע עצות. בעט'ס דעם אייבערשטן ער זאל העלפן אייערע עלטערן זיי זאלן נישט שרייען אויף אייך, בעט'ס אים ער זאל אייך העלפן איר זאלט טרעפן א גוטע שידוך ווי שנעלער.

בנוגע ווי אזוי איר וועט וויסן ווי אזוי אויפצושטעלן א שיינע שטוב ווען איר האט נישט געזען א גוטעביישפיל; זאלט איר ווייטער הערן די עצות פון רבי'ן, וועט איר שוין איינמאל וויסן ווי אזוי צו אויפשטעלן א שיינע שטוב. ווער עס נעמט דעם רבי'ן פאר זיין וועג ווייזער האט די שענסטע לעבן וואס איז שייך, אפילו ער ווייסט נישט אליינס ווי אזוי זיך צו פירן; מען דארף גארנישט וויסן, מען דארף נאר נאכגיין א צדיק וואס זאגט וואס צו טון.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

## וואס טו איך אז מיין טאכטער איז אריינגעפאלן מיט א פראבלעמאטישער מאן?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

מיין טאכטער האט חתונה געהאט מיט א פיינעם בחור, ער האט געלערנט גוט אין ישיבה, און איך האב געהערט גוטע גריסן אויף אים. למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס איז אלעס נאר געווען לפנים, ער איז געגאנגען ארבעטן נאך די חתונה און ער האט נישט מצליח געווען מיט גארנישט, געלט איז נישט געווען און די שלום בית האט אויך היבש געהינקעט. איך האב פרובירט זיי ארויסצוהעלפן מיט געלט, און שטופן דעם וואגן מ'זאל קענען ווייטער לעבן, און אזוי איז עס אנגעגאנגען פאר א שיינע פאר יאר, און ס'איז געבוירן געווארן עטליכע קינדער ב"ה, כאטש וואס ער לייגט קיינמאל נישט צו קיין האנט אין שטוב צו העלפן עפעס.

לעצטנס האב איך אבער באמערקט אויף מיין טאכטער אז זי איז זייער צעטראגן, עפעס טויג נישט ביי זיי, האב איך איר צוגעדריקט צו די וואנט זי זאל מיר דערציילן וואס גייט פאר, און צו מיין באדויערן זאגט זי מיר אז ער נעמט מעדעצין פאר די נערוועז שוין פון אלס בחור, און זי איז ערשט לעצטנס געוואויר געווארן דערפון, זי האט מיר דערציילט אז ער פירט נישט קיין נארמאלע שטוב, האט נישט קיין נארמאלע סדר היום, און אזוי ווייטער נאך אסאך דעטאלן וואס איז איר זייער שווער.

איך בין געווארן אינגאנצן פארלוירן, וואס דארף איך יעצט טון? זאל איך ארבעטן אויף א גט? אדער איז דא אן אנדערע עצה?

זיינע עלטערן זענען נישט אינטערעסירט צופיל אין אים בכלל, איך גיי זיי אבער פאראהאלטן אויף די עוולה וואס זיי האבן געטון מיט'ן באהאלטן פון מיר אז ער נעמט נערוועז מעדעצינען, איך מיין אז עפ"י הלכה טאר מען דאס נישט טון. אבער דערוויל בין איך ממש פארלוירן און איך ווייס נישט ווי אזוי דאס צו באהאנדלען, ביטע העלפט מיר ארויס און ווייזט מיר דעם ריכטיגן וועג וואס צו טון.

א גרויסן יישר כח
~~~~~~~~~~~

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת משפטים, כ"ב שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז שווער צו ענטפערן ווען מען ווייסט נישט אלע איינצעלהייטן, אבער איין זאך זאלסטו וויסן אז די שאלה איז א פיקוח נפש שאלה.

היות עס איז שוין דא ביי זיי קינדער קיין עין הרע, קען מען נישט טראכטן פון זיך, מען דארף יעצט טראכטן פון די קינדער; זיך גט'ן איז א גרינגע זאך ווען מען טראכט פון דעם הוה, אבער אז מען טראכט אריין אינעם עתיד פון די קינדער איז גט'ן נישט די עצה, ווייל במשך די פופצן יאר וואס איך בין עוסק מיט קינדער און בחורים האב איך געזען אז רוב פראבלעמען מאכן זיך ביי קינדער פון גע'גט'ע שטובער. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (גיטין צ:): "כָּל הַמְגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ, אֲפִילּוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד דְּמָעוֹת", ווען מאן און ווייב גט'ן זיך וויינט דער מזבח; פלעגט מוהרא"ש זכרונו לברכה שטענדיג זאגן: "פארוואס וויינט דוקא דער מזבח? עס זענען דאך דא אסאך כלים אין בית המקדש, פארוואס וויינט נישט דער שלחן, די מנורה, די ארון, וואס עפעס דוקא דער מזבח? נאר דער מזבח וויינט, ווי צו זאגן: 'מען איז שוין מקריב אויף מיר געווג קרבנות, פארוואס פעלט אויס מען זאל ברענגען נאך קרבנות...'".

דערפאר בעט איך דיר זייער, לייג אוועק אלע פריוואטע נגיעות; יעצט איז נישט די שאלה ווער עס איז גערעכט, אודאי איז דאס א געפערליכע עוולה - אריין נארן א אומשולדיגע מיידל מיט א נערוון קראנק'ן בחור, אבער יעצט דארף מען טראכטן פאר די טובה פון די קינדער; אז עס גייט זיין א גט גייען זיי ליידן השם ישמרינו.

איך זאג אייך נאכאמאל, עס איז שווער צו ענטפערן אזא שאלה ווען מען ווייסט נישט אלע איינצעלהייטן, אבער דאס זאג איך נאכאמאל: "אויב איז דא קינדער מוז מען לייגן דעם 'זיך' אין דער זייט און טראכטן פון די קינדער", ווייל קינדער דארפן א טאטע און א מאמע.

"גט'ן איז נישט די עצה!" אז איר וועט נעמען א ביקס און שיסן אייערע אייניקלעך וועט איר זיי נישט אזוי שטארק שלעכט'ס טון ווי אויב איר וועט מאכן א גט פאר אייער טאכטער.

זוכט אויף אן ערליכער איד, נישט סתם אן ערליכע איד וואס מען רופט א 'צדיק אין פעלץ', וואס ווייסט נישט וואס עס גייט איבער אויף אידישע קינדער וואס קומען

פון צעבראכענע שטובער, זוכט א צדיק וואס איז אויפן גאס, איינער וואס ווייסט בצרתן של ישראל.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן נחת פון אלע דיינע קינדער און אייניקלעך.

...

~~~~~~~~~~

**פארוואס זאלן די ביליגע חתונות זיין נאר פאר ברסלב?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

ס'איז זייער צום באוואונדערן אייער גרויסער כח בכלליות, און בפרט אין דעם ענין פון חתונה מאכן פראקטיש און ביליג, און נישט פארפאטשקענען אזויפיל געלט און צייט ווען מ'האט גארנישט דערפון.

מיין שאלה איז אבער פארוואס מ'זעט נישט מענטשן זאלן דאס נאכמאכן? די חתונה סטאנדארט ביים היימישן ציבור איז דאך אזוי הויך און איבערגעטריבן, פארוואס זאלן אנדערע רבנים און ראשי ישיבות דאס נישט נאכמאכן און אויך מאכן חתונות אין שול פאר ביליג, פארוואס זאל דאס זיין נאר פאר היכל הקודש ברסלב?

וואס קען מען טון אז דער געדאנק זאל ווערן מער באוואוסט און אנגענומען ביי גאנץ כלל ישראל?

א גרויסן יישר כח פאר אלע חיזוק וואס איך באקום פונעם ראש ישיבה שליט"א, איך האב פשוט נישט די ווערטער גענוג צו באדאנקען, איר זענט ממש פון די פלאי הבריאה, אייערע זכותים זענען אומשאצבאר.

אברהם

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת משפטים, כ"ג שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**לכבוד אברהם נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

געלויבט דעם אייבערשטן אז נעכטן איז פארגעקומען די פיינפטע חתונה אין ישיבה - אזוי שיין און אזוי אידיש; עס האט גארנישט געפעלט פאר די חתונה, עס איז געווען אזוי פרייליך. די חתן כלה זענען אזוי פרייליך, און די עלטערן זענען משונה פרייליך אז עס האט זיי נישט געקאסט קיין איין פרוטה.
~~~~~~~~~~

אלע וואס האבן זיך באטייליגט ביי די נעכטיגע חתונה און אלע וואס האבן מיט געהאלטן די פריערדיגע חתונות אין ישיבה זאגן פה אחד: "א שאד אויסצוגעבן געלט פאר אפאר שעה ווען מען קען דאס מאכן בחינם".

די גאנצע זאך פון מאכן פשוט'ע שמחות איז נישט מיין געדאנק, די זאך פון מאכן חתונות בחינם אין ישיבה אדער אין א שול קומט פון מוהרא"ש זכרונו לברכה וואס האט דאס שוין פאר לאנגע יארן איינגעפירט אין יבניאל פאר אנשי שלומינו. מוהרא"ש האט געבויט א זאל אין יבניאל אונטערן גרויסן שול אז אנשי שלומינו זאלן קענען חתונה מאכן בחינם; די עסן ווערט געקאכט דורך אנשי שלומינו וועלכע צעטיילן זיך מיט די סעודה, איינער מאכט א קוגל, איינער פיש, איינער ברענגט חלות און אזוי ווייטער.

מיר האבן סך הכל געטון צו די זאך לעובדא ולמעשה וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט; אנגעהויבן האט זיך דאס פאריגע יאר ווען מיידלעך פון אונזער סקול 'בית פיגא' האבן אנגעהויבן צו ווערן כלות. אין 'בית פיגא' לערנט מען מיט די מיידלעך אז זיי זאלן אכטונג געבן אויף זייערע עלטערנ'ס געלט, און אז עס לוינט זיך נישט צו קויפן א חתונה קלייד פון טויזנטער דאללער פאר אפאר שעה ווען דער טאטע האט נישט דאס געלט און ער דארף בארגן געלט בשעת מען קען נעמען פאר בחינם א קלייד פון א גמ"ח און האבן א געזונטע טאטע, און אז עס איז נאריש צו דינגען א זאל פאר די פאר שעה פון די חתונה פאר צענדליגער טויזנטער דאללער בשעת מען קען חתונה האבן אין שול, און מען קען אנהייבן דאס לעבן מיט א מאן מיט ליבשאפט אן בארגן געלט. די כלות האבן אלע געזאגט אז זיי ווילן חתונה האבן אין ישיבה, האבן מיר געקענט אנהייבן דאס אויספירן אויף למעשה און מאכן חתונות אין ישיבה.

עס פעלט גארנישט פאר די חתונות אין ישיבה, איין זאך איז נישט דא: "חובות"; די חתונות אין ישיבה זענען בחינם. די מוזיק מאכן די בחורים, די עסן מאכן די פרויען פון אנשי שלומינו; איינער מאכט פיש, איינער קוגל וכו', איינער בילקעלעך, טרינקען און פעיפער-גודס קומט פון די קאך פון ישיבה; אזוי אויך זענען נישט דא קיין סארווערס, די עסן ליגט אין די זייט און יעדער נעמט זיך אליין. ביי מצוה טאנץ איז נישט דא קיין לאנגע דרשות פון הספדים, נאר דער שמש רופט אויס צום טאנצן, ער זאגט בקיצור: "יעמוד", "יעמוד" פאר די זיידעס, מחותנים און חתן כלה. משפחה טאנצ'ן נישט קיין מצוה טאנץ, מצוה טאנץ איז נאר פאר זיידעס, עלטערן און חתן כלה.

דער וואס האט נאך נישט חתונה געמאכט פארשטייט נישט דעם געדאנק פון חתונה מאכן אין ישיבה וכו', אבער דער וואס האט שוין חתונה געמאכט און איז

געבליבן מיט חובות - דער ווייסט שוין גאר גוט דאס חשיבות דערפון; עס איז נישט דא נאך אזא שמחה אז די מחותנים קענען זיצן און עסן רואיג און זענען זיך משמח ווי ווען עס קאסט זיי גארנישט קיין געלט.

ביי חתונות זענען אלע פרייליך; די געסט זענען פרייליך, חתן כלה זענען משונה פרייליך, די מחותנים זענען אויך פרייליך - אבער עס דרוקט זיי די חובות. אסאך מאל דארף מען רופן 'הצלה' ביי א חתונה צום מחותן ווען עס הייבט אים אן דרוקן זיין הארץ פון די חובות אין וואס ער איז אריין. ווען די חתונה ענדיגט זיך גייען אלע אהיים, אלע פארגעסן וואס עס איז געווען, חוץ די מחותנים - זיי דארפן נעבעך בלוטיגן פון די חובות פון די חתונה נאכט.

דאס וואס דו פרעגסט: "ווי אזוי מען קען דאס אריין ברענגען אין דער וועלט וכו'?" נאך אביסל וועלן דאס אלע נאכמאכן - צי מען וויל יא צי מען וויל נישט; דער עולם הייבט אן צו כאפן וואס די עשירים טוען נעבעך מיט'ן המון עם, ווי זיי טרינקען אויס דאס בלוט פון אידישע קינדער. זיי זענען קראנק פאר אביסל כבוד המדומה דערפאר ווייזן זיי ביי זייערע שמחות אז זיי האבן געלט, נאכדעם דארפן אלע זיי נאכמאכן, וועט עס סיי ווי פלאצן; על כל פנים איך דארף זען אז מיינע תלמידים זאלן נישט האבן קיין חובות.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מען זאל לעבן פאר זיך, מען זאל זיין פרייליך ביי א שמחה און מען זאל הנאה האבן פון די שמחה, עס זאל זיין מיטן אייבערשטן - אן בארגן און אן גנב'נען פון א צווייטן.

...

~~~~~~~~~~

## איך בין געווארן ווי נייע געבוירן אין אומאן.

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א פרוי, און דעם פארגאנגענעם זומער האב איך אנגעהויבן הערן די שיעורים, און דאס האט מיר ממש געטוישט מיין לעבן, ספעציעל דאס וואס איר זאגט כסדר אז יעדער קען מצליח זיין, ס'איז דא א וועג פאר יעדן איינעם.

איך בין שווער מיט עברי, אבער מיט אייער חיזוק און עצות האב איך אנגעהויבן זאגן תהלים יעדן טאג, כאטש וואס איך בין בכלל נישט אזא סארט מענטש צו זאגן תהלים, און איך גיי שוין יעצט ענדיגן תהלים צום 30'סטן מאל.
~~~~~~~~~~

דער עיקר בין איך אבער יעצט זייער פריילך אז איך האב זוכה געווען צו זיין ביים רבינ'ס ציון אין אומאן צום ערשטן מאל. איך בין אינגאנצן נישט דער מענטש וואס זאל פארן צום ציון, אבער דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז בין איך געפארן, און איך האב געשפירט אז איך בין ממש געווארן א נייער מענטש, איך האב באקומען דארט א נייע לעבן. איך ווייס אז יעדער זאגט עס, אבער איך שפיר ממש ווי כ'האב באקומען א נייע נשמה.

איך בין דער לעצטער מענטש וואס זאל פארן קיין אומאן, און אויב בין איך געפארן, מיינט דאס אז יעדער מענטש קען אהין פארן.

א גרויסן יישר כח נאכאמאל פאר אלע חיזוק און עצות אין לעבן.

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת משפטים, כ"ג שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס; פון היינט און ווייטער זאלט איר אייביג זיין פריילך.

יעצט זענט איר ניי געבוירן, דער רבי האט אויסגעוואשן אייער נשמה; דער רבי האט צוגעזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רכה) אז ווער עס וועט קומען צו זיין ציון זאגן דעם תיקון הכללי, די צען קאפיטלעך תהילים (קאפיטל - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ) און געבן א פרוטה לצדקה פאר זיין זכות, אפילו ער האט געטון די הארבסטע עבירות: "וועל איך מיר לייגן אויף די לענג און אויף די ברייט, אים א טובה צו טון, ביי די פיאות וועל איך אים ארויס ציען פון שואל תחתית"; דערפאר אז איר האט זוכה געווען צו זיין אין אומאן ביים רבינ'ס ציון האט איר אראפ גענומען פון זיך אייער גאנצע עבר, פון יעצט הייבט זיך אן א נייע צייט פאר אייך, יעצט וועט איר זיין ערליך און טייער.

איר האט מיר ממש מחי' געווען.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~